(16)

ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בא"י
אחוד הקבוצות והקבוצים
**ברור חיל**
קבוץ אחוד הנוער החלוצי להתישבות שתופית בע"מ
דאר־נע נגב 1, טל. מגדל־אשקלון 110

יום 5 לאוגוסט 1955

עלטערן קאמיטעט פאר ברור-חיל
פאמיליע כהן
<u>ריא דע זשאניירא</u>

שלום רב.

מיט פרייד האבן מיר דערהאלטן דעם בריוו וואס איר האט געשיקט רחל מיט מאקס איבער דער גרינדונג פון דעם קאמיטעט. ס'איז פאר אונדז א דאפלטע פרייד א) ערשטנס וואס אונזערע עלטערן אין חוץ לארץ שטייען מיט אונדז אין קאמף און ארבעט, פארשטייען דעם וועג וואס מיר האבן אויסגעוועלט און זיינען גרייט אונדז ארויסצוהעלפן. ב) דאס עצם וויסן אז מיר שטייען נישט אליין, אז ווייט פון דאנען זיינען פאראן מענטשן, חברים וואס קלערן איבער אונדז, זיינען פאראינטערעסירט אין וואס מיר טוען.

באלד ווי רחל האט באקומען אייער בריוו האט זי זיך געווענדעט צו מיר און איבערגעגעבן דעם בריוו. ביז היינט האבן מיר נישט געענטפערט ווייל מיר האבן געוואלט קומען צו אייך מיט א פראקטישן פארשלאג. ליידער איז ~~שש~~ איז דאס נישט מעגלעך, ווייל צו דעם פעלן אונדז אויס איינציקע דעטאלן וואס זיינען נויטיק צו וויסן.

מיר פרעגן אייך אויס עס איז מעגלעך אז דער ריאר ועד זאל זיך פאראייניקן מיט דעם פון סאן-פאולא? אויך אין פארטא אלעגרע ארגאניזירט זיך איצט אזא ועד און ס'וואלט געווען זייער געווונשן אז אלע זאלן זיין קאארדינירט אין איין צענטראל-קאמיטעט. דאס דערמעגלעכט צו שאפן א גרעסערע סומע צו קויפן איין, א גרעסערע מאשין וואס וואלט געווען זייער נויטיק פאר אונדז. עס האנדעלט זיך אום א בולדאזער, א זייער גרויסער טראקטאר, וואס מיר, דא, האבן נישט די מעגלעכקייט צו ארגאנזשירן.

אויב דאס איז מעגלעך וואלט זייער געוונשן געווען. אבער עס קען מעגלעך זיין אז צוליב פיל טעמים וועט אייך דאס נישט מעגלעך זיין אדער נישט ראטזאם זיין. מיר ווארטן אויף אייער באשלוס אין דער הינזיכט. אויב נישט, טא וויל איך אייך ענטפערן אויפן צווייטן פונקט וואס צו שיקן. א זשעלאדיירא האבן מיר געקויפט מיט א חודש צוריק, אין איינציקע וואכן וועלן מיר זי שוין דא האבן, אזוי ארום אז דאס איז נישט נויטיק. אויף צו וויסן ואס איר קענט שיקן וואלט געווען געווונשן צו וויסן וואס פאר א סכום, מער ווייניקער, שטייט אייך צו פארפיגונג און אויך אויב דער ועד איז נאר א איינמאליקע זאך אדער אויב דער ועד איז א פערמאנענטער און קלערט הוייטער צו עקזיסטירן?

אויב דער באשלוס וועט זיין זיך צו פארבינדן מיט סאן-פאולא וואלט איך אייך געראטן זיך צו פארבינדן מיט ד"ר קארינאלדי, דער פארזיצער פון דעם ועד אין סאן-פאולא.

ווארטנדיק אויף אייער ענטפער, גריסן מיר אייך

בברכה חברים

אהרן סהאלענבערג - מזכיר.